פון חלומות וואָס געווען שוין,
ווען געגרינט האָבן די גראָזן . . .
וועל איך שפּרייזן, וועל איך שפּירן
און ביים קילן שיין פון שטערן

מיינע גליענדע געהירן
פאַר אַ פויגל כ'וועל ענטבערן
און אים בעטן: נעם פאַרוויקל —
כ'האָב זכרונות פאַר אַ ניקל . . .

יעקב גלאַטשטיין

# א. לעיעלעסעס גרויס ליד

א. לעיעלעסעם „צו מיר צו דיר" איז די ערשטע גרויסשוואונגיקע און גרויס־שטעטישע פּאָעמע אין דער אידישער פּאָעזיע. די גרויסע פּאָעמען אין דער אידישער ליטעראַטור און אפילו די גרעסטע צאָל פּאָעמען אין דער וועלט־ליטעראַטור קענען איינגעטיילט ווערן אין גרויסע דורכפאַלן (אַ גרויסער פלי און אַ שטאַרקער פאַל אַרונ־טער), אין קליינע דורכפאַלן (קליינער פאַרמעסט און רוישלאָזער אַרונטערפאַל).

איך האָב איצט ניט די נויטיקע דאַטן צו דער האַנט און איך פאַרלאָז זיך בלויז אויפן זיכרון, אָבער איך בין זיכער אַז אין איך קריוודע קיינעם נישט מיט מיין קלאַסיפיקאַציע פון די גרויספאַרנעמיקע אידישע פּאָעמען.

אין א. לעיעלעסעם פּאָעמע איז צום ערשטן מאָל, דוכט זיך אין אונדזער ליטעראַ־טור, באַמייסטערט געוואָרן, אויף אַ גלייכוואָגיקן אופן, אינהאַלט, שפּראַך, פּאָרם און אַלע אַנדערע באַשיינונגען פון געבענשטן אויסדרוק.

איך האָב עס לעיעלעסן פּריוואַט געשריבן אין אַ בריוו, אַז ווען אונזער ליטע־ראַטור וואָלט נישט געווען אַזוי נערוועז און בהפזונדיק ווי אונדזער גאַנץ לעבן, ווען אונדזער ליטעראַטור וואָלט געהאַט צייט פאַר סדר, מעטאָד, וואָלט זי געמעגט בלייבן שטיין אויף אַ ווייל און באַוואונדערן אַ דיכטערישע אַר־בעט, וואָס וואָלט אָן שום ספק געווען עפּאָכעמאַכנדיק פאַר יעדער ליטעראַטור, וואָס האָט צייט, געדולד און קולטור צו טיילן זיך אויף עפּאָכן.

די פּופּצן רינגען, אָדער, בעסער געזאָגט, די פּערצן לידער — ווייל דער אָנפאַנג און סוף זיינען אַ געקייטלטע גאַנצקייט — וואָס שטעלן מיט זיך פאָר „צו דיר צו מיר" , זיינען אַזוי אויסשעפלעך אַלץ, וואָס אַ דיכטערישער חלום וואָגט ווען עס איז זיך צו ווינטשן, אַז עס איז פאַר מיר אַ וואונדער, ווי אַזוי אַזאַ פּאָעמע האָט געקענט געבאָרן ווערן אויף דעם מיסט־בלומגאָרטן אונדזערן.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך שוין אַמאָל געזאָגט, אַז עס זיינען נישט פאַראַן קיין אומפאַרשטענדלעכע לידער, נאָר פאַרשטענדלעכע און זעלבסטפאַרשטענד־לעכע. אַ ליד דאַרף דורך איר פּאָרם ראַציאָנאַליזירן די אומפאַרשטענדלעכקייט, און אויב די אומפאַרשטענדלעכקייט ווערט דורך דעם ניט פאַרשטענדלעכער, לויכט זי אָבער העלער און צויבערלעכער מיט אַזויפיל שיינבאַרקייט פון וואָרט און קלאַנג, אַז אַלץ ווערט דורכזיכטיק און, צום טייוול, כאָטש פאַרגעבלעך, אויב נישט פאַר־שטענדלעך.


יאַנ׳-פֿעב 1934

ומפארשטענדלעכקייט איז עקזיסטענץ, זייאיקייט איז אומפארשטענדלעך און
איז פיין, משוגעת, חלום, יסורים, גארן נאכן טויט, מורא פאר טויט, שרעק
שווידער.

רשט נישט לאנג צוריק האט מען געוויזן קאקטאס קאלײדיסקאפּישע פילמ־
ג. דאס גאנצע בילד פון דעם פראנצויזישן פילזייטיקן קינסטלער איז אן
פון יסורים, מורא, שרעק, אומפארשטענדלעכע פארוואסן, ו... ליגן ערגעץ
תהום און ווען מען נעמט זיי פונאנדער, ווערן זיי ערשט אזוי ...רווילעך אומ־
ך און אומפארשטענדלעך.

ין די ריזיקע רעטענישדיקע פארוואסן האט לעיעלעס געכאפּט, ... צו זאגן,
ן פלי. ער האט זיי קינסטלעריש קלאסיפיצירט, קאטאלאגירט, פא...קסירט,
געגעבן פּאעטישע לאגיק און סדר. ער האט זיי אזוי דיכטעריש אויסגעזונגען,
ם איז פון אלץ געבליבן סקעלעט.

אר שיינע עטלעכע יאר וואלט מען זיך אין אן ערנסטער ליטעראטור מער
ארנומען מיט די זעלבע פּראבלעמען, ווייל אלץ איז דיכטעריש דערווייל דע־
ט געווארן אין לעיעלעסעס „צו דיר צו מיר”.

יך וויל זיך נישט אריינלאזן אין קריטיש־אנאליטישע אוואנטורעס, איך וויל
ורך לעיעלעסעס געוואוינן ווארט פּרובירן דערקלעטערן צו דעם וואס א סקאר־
קריטיקער וואלט גערופן — לעיעלעסעס פּערזענלעכקייט. פאר מיר איז
ווען איך וועל בלויז זאגן, אז אזא פּאעמע טראגט אין זיך סימנים פון אלץ,
ונדזער צייט האט אפּגעשפּארט אין דעם טריליאניקן געגנט פון תוהו ביז א
זיך צו די סטראטאספערן, ביז נאך איינשטיין. נישט בלויז ערודיציע פאר־
די פּאעמע, נאר לעיעלעסעס גרויס ליד איז א קלארער באווייז פון א מארק,
אט ענציקלאפּעדירט אלץ, וואס אונדזער צייט האט ביז איצט אנגעזאמלט און
יז פאר מיר געגוג פּערזענלעכקייט.

יט דעם ווי אן אנפאנג, און, אייב איר ווילט, ווי א פּארבאדינג, הויבט זיך
אן לעיעלעסעס טריאומף אין ווארט. עס וואלט זיך געלוינט, מעשה לערער,
טאפל פונאנדערצוגלידערן די גאנצע גאמע פון לעיעלעסעס בארגארויף, זיין
דורך די משופּעדיקע פארוואסן פון אונדזער צייט.

פאנגען מיט דעם ערשטן ליד „מערצאווע ווינטן”, וואו עס הערן זיך מא־
נוסחאות פון די שענסטע אנפאנגען אין דער וועלט־ליטעראטור — אט אזוי
קאיאס אויפגעפּראלט זיין „הבול הבלים”, אט אזוי האט שעקספּיר געעפנט
ליקן סאנעט — קומען מיר צום „פארדינגלט צימער”, צום שרעק אין די
ע מירמלען — די פארשאלטענע אליינקייט.

ן דא הויבן אן אויפלויכטן דערמאנונגען און מאנונגען. אלץ ווארט אויף
אויף א דיכטעריש ווארט. דאס ווייב־פּראבלעם פון ליד „באליינן”, דעם
ס אויג אויף חיות אין „טויבן אויף דער גאס”, דער דואליסטישער דיאלאג
ביוס לינד צו פּאביוס לינד, ווי חכמה ווערט האפנונגסלאז פארענטפערט
כמה. דאס פירט אים גליך שטאפּל־ארונטער און שטאפּל־צוריק צו דער הייל,



צו איר, צו קוואל, צום עלטער־עלטער פון אונדזער פארנונפט און דורך דער גרויסער
און דערהויבענער סימפּליציטעט פון הייל, קומט לעיעלעס צום מאלער, צום קענער.

שיין זיינען צווייגן, ווען זוניק
טוען זיי אן זיך די טוניק
פון דעם צעפּראלטן געבלי.

זינגט דער דיכטער, דער קענער פון קענען אויף אזא מייסטערהאפטן אופן און קענען
וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט הייל און בענקט ביז צום טעלערל פון הימל.

און מיטאמאל קומט די דערמאנונג וועגן דער אייגענער צוגעקניפּטקייט צו שטאם,
וועגן דער אייגענער פּערזענלעכקייט אין דעם ליד „דער דור” און פון דעם איז שוין
איין שטאפּל צו „פּארטרעט 1933” — דער פּרעכטיקסטער קאמענטאר אויף דער
וויסטער המונישער איצטיקייט אונדזערער, א קללה וואס איז אריבער דעם דיכטערס
ליפּן און געווארן געזאנג.

פלאקערט אויף אין דעם ליד „איך גלויב” לעיעלעסעס ווארט אויף דער צייט
און לעיעלעסעס גרינסטער יוגנט־חלום, אז מען קען שלום מאכן צווישן פּראבלעם
מיט פּראבלעם דורך רעדעס, אז מען קען פארענטפערן, געווינען, דערלייזן. די רעדע
ביים בראנקס טייך איז קווינטעסענץ פון וואוילגעמיינטער אראטארישקייט. די
„דרשה אויפן בארג ”איז אזוי אפּעליר־ידיק, אזוי ווארים און אזוי האפנונגסלאז פאר־
לוירן.

ווידער שווימט אויף די פראגע פון „וועלט און איך” אין „צו דיר צו מיר”, דער
פּאראלעל צווישן פינפיאר פלאן און דער טריליאניקער וואר. און באלד נאכדעם
קומט לעיעלעסעס בארגארויפיקייט, א קרעשטשענדא פון רעזיגנאציע, פון קלוגער
געמיטלעכקייט, פון אידישער אריענטאציע אין דעם בוך פון אן אוממעגלעכן און
אומגעלומפּערטן כאאס, אן אפרוף, אן סטימול, אן באלוין —

תוהו ! !

צווישן די אנפאנג־שורות פון דעם אנפאנג ליד „מערצאווע ווינטן” —
מערצאווע ווינטן רייסן מיר אַ פּאלע
די אנהויב קנאספּן בריסטלען זיך באריר
און צווישן לעצטן אקארד פון דעם לעצטן ליד „דער פרילינג גייט” —
נאר . . . סיווינקט אויך שמייכל אין דעם סומנעם פלאנטער
און מיט אַ פייף — ווערט וואונדער פון דעם וואונד —

ליגט אן איבערגעשאצטע גאנצע וועלט. לעיעלעסעס פּראבלעמען, וואס רייסן אים
א פּאלע, זיינען דערגאנגען ביז דעם קלוגן שמייכל אין דעם סומנעם פלאנטער, אין
דעם וואונדער, וואס ווערט פון וואונד דורך א פייף, דורך א פלאטער פון א ווארט.

און מערקווירדיק, גראד ווען מען רעדט וועגן אונטערגאנג פון דער אידישער
ליטעראטור, דערקלעטערט די ליטעראטור אונדזערע צו אזא פּאעמע, וויפיל לי־
טעראטורן קענען זיך רימען מיט א „צו דיר צו מיר”? וועלכע ליטעראטורן האבן
אין די לעצטע עטלעכע יאר צוגעקראגן א ליד פון אזא ערשט ראנגיקער קוואליטעט?
וויפיל קענטשאפט האט זיך געפאדערט פאר אזא וואונדערלעכער ארבעט? וויפיל

פּאַכמענישקייט אין קענען קריגן פּאָעטישן אויסדרוק אין דער צייט פון אונדזער צוטומלעניש? וויפיל שוואונג אין קענען קריגן פרישע זינגעוודיקע בילדלעכקייט פאַר דער צייט פון אונדזער צוטומלעניש?

איך זאָג גאַנץ אָפן, אז איך בין לעיעלעסן מקנא, קינסטלעריש מקנא פאַר זיין דערגרייכונג און איך פאַרגין עס אים, ווייל זיין ליד איז אַ פּראָדוקט פון ערלעכער, אויפריכטיקער פּאָעטישער ארבעט, פון אַ קלעטערן — נישט געקוקט אויף נישט פאַר־נינעריי, שנאה, ענגהאַרציקייט און בייזוויליקן פאַרשווייגן — צו דעם העכסטן שטאַפּל אין „צו דיר צו מיר".

## ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ

# אַ בריוו

ניט ברוגז זיין, — בעטעסטו מיך און זאָגסט איך זאָל דיר שרייבן.
ווייס איך היינט אליין ניט... צו וואָס?
איך האָב אַ סך צו זאָגן, — ווייל איך נאָר היינט שווייגן...
ס'איז מיר גוט — ניט שיקן דיר קיין אות.

בעטעסטו מיך און שרייבסט מיר, ווילסט, איך זאָל דיר שיקן
אַ בריוו אַ לאַנגן: ווי אַזוי מיר גייט?
ווילט זיך היינט מיר, גראָד היינט, זיך אליין דערקוויקן —
מיט מיין אויסגעטראַכטער, אומרואיקער פרייד.

רופן דיינע שורות, בענקען פון דערווייטן:
— מיין טייערע, מיין נאָנטע, שרייב צו מיר... און רייד...
ס'וואַרפט היינט די לבנה שיין אויף אַלע זייטן.
שווער איז מיר איר אומעט. שווער איז מיר מיין פרייד.

שווער איז מיר צו שרייבן. שווער איז מיר צו שווייגן...
ווייס איך היינט אליין ניט: וואָס? וואָס זאָל איך טאָן?
מיינע הענט אין אומרו וואַרפן זיך, ווי צווייגן...
און אליין איך פלאַטער, ווי אין ווינט אַ פאָן.

## אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן אַנדריי בעלי

(1934־1880)

אַנדרעי בעלי (באָריס בוגאַיעוו) איז איינער פון די אָנגעזענסטע אין דער מאָדערנער רוסישער דיכטונג. אָבער דאָס וואָרט „מאָדערנער" גומען ווערן אין גענזפיסלעך, ווייל בעלים „מאָדערניזם" איז אָפּגערוקט צו דער „היסטאָריע" ביים אָנקומען פון באָלשעוויזם און ביי דער דערש דער נייער ריכטונג: „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור".

בעלים איינפלוס איז געווען ביז דער רעוואָלוציע פון 1917. ער אַ געמיש פון: עסטעט און מיסטיקער, מיסטיקער און מאַטעמאַטיקער, זוכט נייע פאָרמען, „סימפאָנישע פּראָזע", האָט געמאַכט „וואָרט־עקספּע און דאָך האָט ער דעם הויפּט־געוויכט אייגנטלעך מער געלייגט אויף אינהאַ דוכט מיר, מער געזוכט וואָרצל פון וואָרט ווי קלאַנג פון וואָרט.

בעלים אינהאַלט: מיסטיציזם. האָט געבליקט צום נייעם ליכט פון „נצ נייעם אָנקומען (אין סימוואָלישן זין) פון קריסטוס . . . האָט געזונגען פו ביקן לעבן אין „דמיון", פון „אייביק־שיינענדיקע ליכטער אין מענטשלעכ ער האָט אָבער זיין מיסטיציזם שטאַרק צונויפגעבונדן מיט היינט־צייטיקע געקוקט צום פאָרויס. ער האָט, ווי אַלע אמתע מיסטיקער, ניט פיינ מענטשן, נאָר פאַרקערט, האָט זיי געצערטלט, געשטאַרקט, אפילו זייערע ער פאַראידעאַליזירט. ער האָט געגלויבט אין מענטשן. און יעדן האָט — „פאַרבאָרגן אַ געטלעך ליכט!" בעלי האָט מער, ווי אַלע זיינע מיט־חבריכ געשריבן אַ סך וועגן סימוואָליזם, געמאַכט עס פאַר זיין „וועלטאַנשויאונג" האָט דאָס שיער ניט געוואָלט דערהויבן צו אַ נייער עטיק.

דאָס מערקווירדיקסטע איז ווי בעלי, דער סימוואָליסט־מיסטיקער, קר כער, האָט זיינע טעאָריעס געקענט צופּאַסן צום באָלשעוויזם, וואָס איז דער קעגנזאַץ פון אַלע בעלי'שע טעאָריעס.

בעלי האָט דעם באָלשעוויזם דערקלערט אַלס: „דעם נייעם אָנקו קריסט".

אין די לעצטע יאָרן האָט ער ווייטער געשריבן און געשאַפן, אָבער „צופּאַסונג" זיינע האָט שוין מער אין דעם אָרום ניט געהאַט יענע גרויסע בעלישע ווירקונג, וואָס פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.